בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
פ"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת לך לך
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

### אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה אָנְהֵייבּ יָאר

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה', טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר וֶועלְן מִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף רֶעדְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ כִּתָּה אָנְהֵייבּ יָאר.

פַאר דִי מְלַמְּדִים אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט נוֹגֵעַ, וַוייל בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען טוֹישְׁט כִּתָּה הֶערְשְׁט נָאךְ סוּכּוֹת, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דִי בֵּית פֵיגָא לֶערֶערִינְס הֶערְן אוֹיךְ אוֹיס דִי חִינּוּךְ שִׁיעוּרִים, אוּן בַּיי זֵיי הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי נֵייעֶ יָאר, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַמֶערִיקֶע אַז סֶעפְּטֶעמְבֶּער לְמִסְפָּרָם הֵייבְּט מֶען אָן דִי נֵייעֶ שׁוּלֶע יָאר, וֶועל אִיךְ רֶעדְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ כִּתָּה אָנְהֵייבּ יָאר, כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַאר זֵיי.

אָנְהֵייבּ יָאר אִיז קְרִיטִישׁ וִוירְטִיג פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן אִין כִּתָּה זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וִוי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ כִּתָּה אָנְהֵייבּ יָאר, בְּלַייבְּט עֶס אַזוֹי אַ גַאנְץ יָאר; מִיט דִי צַייט וֶוערְן זַאכְן אַבִּיסְל שְׁוַואכֶער, אָבֶּער בֵּייְלֵייפִיג בְּלַייבְּט עֶס אַזוֹי וִוי אָנְהֵייבּ יָאר.

וּבְכֵן, בֶּעט אִיךְ עֶנְק אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג עֶס פוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, צוּ זַיין אָנְהֵייבּ יָאר זֵייעֶר עֶרְנְסְט, פָארְמַאל אוּן אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן פוּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן אַ וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זָאל זַיין אַ וָוארְט.

### דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם יָאר וֶועט זַיין גְרִינְגֶער

אַז עֶטְץ וֶועטְס אַוֶועקְשְׁטֶעלְן עֶנְקֶער כִּתָּה עֶס זָאל זִיךְ פִירְן וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף זִיךְ פִירְן, וֶועט עֶטְץ נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אַ גַאנְץ יָאר, דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם יָאר וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זַיין גְרִינְגֶער.

אִינְמִיטְן יָאר, וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ שְׁבָט אוּן אֲדָר, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין דָא אַ שְׁטַארְקֶע מַשְׁמַעַת (דִיסְצִיפְּלִין) אִין כִּתָּה, קֶען מֶען אַמָאל פַארְזֶען זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ קִינְד רֶעדְט אִינְמִיטְן כִּתָּה, אָבֶּער וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דָאס יָאר, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פַארְשְׁטֵיין אַז 'דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט 'וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט!' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט 'עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה!' אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט 'וֶוען טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן - רֶעדְט מֶען נִישְׁט'!

אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט יָא גֶערֶעדְט אִינְמִיטְן כִּתָּה, מוּז מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן פַארְלַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט!"**

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוּמְוואוּסֶענְדִיג מַאכְן אוּן דוּרְכְשְׁטוּפְּן דִי טָאג אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן: 'עֶס אִיז מִיר גֶעלוּנְגֶען דוּרְכְצוּשְׁטוּפְּן דֶעם טָאג', וַוייל וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן? אוֹיבּ הָאט דָאס 'הַיינְט' פַּאסִירְט וֶועט 'מָארְגְן' זַיין נָאךְ שְׁוַואכֶער דִי דִיסְצִיפְּלִין!

### עוֹנְשִׁים וַוייזְט אוֹיף שְׁוַואכְקֵייט

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אוֹיבּ מֶען ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער, מוּז עֶס גֵיין מִיט אָנְוָוארֶענֶען מִיט עוֹנְשִׁים, מֶען זָאגְט גְלַייךְ: **"וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, גֵייט מֶען אִים גֶעבְּן פֶּעטְשׁ אָדֶער מֶען גֵייט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן"**, דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דָאס וַוייזְט שׁוֹין אוֹיף שְׁוַואכְקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין 'אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט טוּן, גֵיי אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְן', מֶען רֶעדְט נָאר וָואס מֶען טוּט יָא, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"דָא אִין דִי כִּתָּה פָאלְגְט מֶען!" "דָא אִין דִי כִּתָּה קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן!" "דָא אִין דִי כִּתָּה וֶוען מֶען דַאוֶוענְט - דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט!"**

## אָנְהֵייבּ יָאר

### אִיךְ בֶּעט זִיךְ בְּרַחֲמִים, בְּלַייבְּט שְׁטְרֶענְג!

דִי וָואךְ מָאנְטָאג הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס יָאר אִין שׁוּלֶע, אוּן דִי מְנַהֶלֶת פוּן שְׁטֶעטְל הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס פְרֶעגְן, מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג הָאט זִי זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, אָבֶּער דִינְסְטָאג אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, זִי ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ 'מִיטְוָואךְ' קֶען זִיךְ שׁוֹין וֶוערְן אוֹיס שְׁטְרֶענְג...

אִיךְ בֶּעט זִיךְ בְּרַחֲמִים, וֶוער עֶס ווִיל אַטֶענְשָׁאן, וֶוער עֶס ווִיל שְׁפִּירְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אִיר לִיבּ אוּן זִי אִיז אַ גוּטֶע לֶערֶערִין, זָאל עֶס קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען אִין אָפִּיס, דָארְט וֶועט מֶען אִיר זָאגְן וִוי אַ גוּטֶע לֶערֶערִין זִי אִיז, אָבֶּער אִין כִּתָּה קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט וֶוערְן דִי בֶּעסְטֶע לֶערֶערִין, שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער אוּן לָאזְן זַאכְן זָאלְן גֶעשֶׁען; בְּלַייבְּט שְׁטְרֶענְג, אוּן הַאלְטְס אָן זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, לְכָל הַפָּחוֹת בִּיז צְוֵויי וָואכְן פַאר חֲנוּכָּה. מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע יָאר וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן צִיעֶן מִיט דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה רִיכְטִיג, וֶועט מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְץ יָאר.

### מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי גֶעצֵייג פוּן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת

עֶס קֶען זַיין אַז פַאר אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים אִיז גְרִינְגֶער צוּ הַאלְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אַ כִּתָּה אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל זֵיי נִיצְן מִיטְלֶען וָואס מִיר נִיצְן נִישְׁט, וִוי גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, אַהֵיים שִׁיקְן, אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה, אָדֶער אַרֵיינְלֵייגְן אַ קִינְד אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ; מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' דֶערְצֵיילְט מִיר אַז וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִין שׁוּלֶע אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ, וָואס אוֹיבּ אַ קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט הָאט מֶען אִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם שְׁטוּבּ פַאר פִינְף מִינוּט, אוּן זִי הָאט שׁוֹין גֶעפָאלְגְט, אוּן אוֹיבּ אַ מֵיידְל פוּן פְּרִי וָואן עֶ'י הָאט גֶעזָאגְט **"מְשׁוּגֶענֶע"** פַאר אַ לֶערֶערִין, הָאט מֶען אָנְגֶעקְלֶעבְּט אַ שְׁטִיקְל טֶעיפּ אוֹיף אִיר מוֹיל, מֶען הָאט אִיר אַזוֹי אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט אוּן אַלֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בָּאס הָאבְּן עֶס גֶעזֶען...

מִיר הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט דִי זַאכְן, דִי גֶעצֵייג

זֶענֶען בַּיי אוּנְז פַאַרְבָּאטְן, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא קַיין פֶּעטְשׁ, קַיין אַהֵיימְשִׁיקְן, קַיין אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה, אוּן מֶען לֵייגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען נִיצְן אוּנְזֶער גֶעצֵייג, אַז מֶען זָאל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אָנְהֵייבּ יָאר אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַזוֹי וֶועט בְּלַייבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר.

## בְּלַייבְּן שְׁטֵיין בַּיים טִיר בִּיז אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין קֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה בִּיז אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף אוּן שְׁטֵייעֶן שְׁטִיל אוֹיפְ'ן פְּלַאץ.

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אוּן שְׁטֵייעֶן נִישְׁט שְׁטִיל אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַרַיין אִין כִּתָּה?! עֶס אִיז נִישְׁטָא פַארְוָואס אַרַיינְצוּגֵיין! פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וַוארְטְן בִּיז אִינְמִיטְן טָאג אוּן דֶעמָאלְט שְׁפִּירְן אַז 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כִּתָּה'?!

צוּפְרִי וֶוען דוּ ווִילְסְט אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה, בְּלַייבּ שְׁטֵיין בַּיים טִיר בִּיז אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, יֶעדֶער אִיז שְׁטִיל אוּן אַלֶעס אִיז מְסוּדָר, וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט אַז עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן דוּ גֵייסְט קֶענֶען קוּמֶען צוּם וָוארְט, קֶענְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין פְּלַאץ אוּן זָאגְן: **"יֶעדֶער זֶעצְט זִיךְ יֶעדֶער אַוֶועק!"**

## פְּרִיוַואט קֶען מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

מֶען מוּז זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג!

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אָנְהֵייבּ יָאר וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי שְׁטְרֶענְג מֶען אִיז, אוּן דֶער מְלַמֵּד דַארְף אוֹיפְכַאפְּן וֶועלְכֶער קִינְד וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶעמְט דָאס אוֹיף שְׁוֶוער, אוּן עֶר זָאל יֶענֶעם שִׁיקְן עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען פוּן דְרוֹיסְן אוּן אִים אָפְּוַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה מִיט אַ גְלֶעט אוּן אַ גוּט וָוארְט. זָאג אִים: **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר וואוֹיל, וֶוען אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דַיין טַאטֶע וֶועל אִיךְ אִים זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג"**.

פְּרִיוַואט קֶען מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אִין כִּתָּה מוּז מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְמַאל.

## הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין אַ שְׁטְרֶענְגֶער מְלַמֵּד

אִיךְ בֶּעט עֶס פַאר עֶנְקֶער טוֹבָה, אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג עֶס, וַוייל אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא!

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אַז דוּ וֶועסְט הֵייסְן אַ שְׁטְרֶענְגֶער מְלַמֵּד, אָדֶער אַז אַ טַאטֶע וֶועט דִיךְ אָנְרוּפְן מִיט טַעֲנוֹת פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטְרֶענְג; אוֹיבּ דוּ כַאפְּסְט אַ פְּלִיק פוּן אַ טַאטֶע, שְׁמוּעֶס עֶס אִיבֶּער מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן.

## קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט מִיט וָואס צוּ לֶערְנֶען

אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס מֶען זָאל קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט; מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חוֹמֶר, קַיין שְׁטָאף וָואס צוּ לֶערְנֶען.

מֶען מוּז זַיין פָארְגֶעקוּקְט דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ אוּן דִי לִימוּדִים וָואס מֶען הָאט צוּ לֶערְנֶען. מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין זֶען אִין כִּתָּה וָואס אִיךְ וֶועל הַיינְט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער', קִינְדֶער פִילְן גְלַייךְ אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אוּן עֶס גֵייט קוּמֶען אַן אָנְגֶעפִילְטֶע טָאג, אָדֶער דָא זִיצְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן אוּן עֶר קוּקְט אוֹיפְן זֵייגֶער וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין דֶער טָאג...

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם אוֹיבּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז מֶען אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעפָארְן אִין אַ שְׁמוּעֶס אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, - דָאס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, וַוייל דִי קִינְדֶער פִילְן אוֹיךְ אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט וָואס צוּ טוּן נָאר עֶס הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן דִי צַייט.

## עֶכְט ווִילְן דִי קִינְדֶער דֶער שְׁטְרֶענְגֶער מְלַמֵּד

אִיךְ גֶעדֶענְק, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ 'בִּמְקוֹם' מְלַמֵּד, הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ לֶעבְּן אוּן מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָבֶּער מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט 'וֶוען קוּמְט שׁוֹין צוּרִיק דֶער רֶבִּי אוּן עֶס גֵייט זַיין אָרְדֶענוּנְג?' - קִינְדֶער ווִילְן זַיין צֶעלָאזְט, אָבֶּער עֶכְט ווִילְן דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס אַז אֵיינֶער זָאל מִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּזֶעצְן, אֵיינֶער זָאל דַאוֶוענֶען מִיט מִיר, אֵיינֶער זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אוּן רֶעדְן אַבִּיסְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## קוֹדֶם דַארְף זַיין אַ כִּתָּה

אֲפִילוּ אַ מְלַמֵּד הָאט שׁוֹין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ, זַיין כִּתָּה אִיז שׁוֹין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אַלֶעס פָארְט שׁוֹין אַ מְחַיֶּה, קֶען מֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט אַוֶועקְזֶעצְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי קִינְדֶער אוּן וֶוערְן זֵייעֶר חַבְרוּתָא, מֶען דַארְף נָאךְ אָנְהַאלְטְן זִיךְ צוּ הַאלְטְן אַבִּיסְל וַוייט פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעוָואלְט רֶעדְן, דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס אִיךְ ווִיל רֶעדְן וֶועל אִיךְ לָאזְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מָאל, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן בֶּעפָאר עֶס אִיז דָא אַ כִּתָּה, קוֹדֶם דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, נָאכְדֶעם קֶען מֶען זֶען וָואס מֶען טוּט וַוייטֶער.

## אִיבֶּעְרָאל זֶענֶען קִינְדֶער טְשֶׁעלֶענְדְזְשִׁינְג!

דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מֵיינֶען אַז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז אַלֶעס מְסוּדָר, נָאר זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט קִינְדֶער, אוּן דִי לֶערֶערִינְס פוּן אַמֶערִיקֶע מֵיינֶען אַז דָארְט אִיז אַלְס מְסוּדָר, - בֵּיידֶע זֶענֶען אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אִיבֶּעְרָאל זֶענֶען קִינְדֶער טְשֶׁעלֶענְדְזְשִׁינְג (שְׁוֶוער)!

גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיס דֶעם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין; אָנְהֵייבּ יָאר וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַ נֵייעֶם מְלַמֵּד אָדֶער אַ נֵייעֶ לֶערֶערִין, זוּכְן זֵיי צוּ אוֹיסְפְּרוּאוְון דֶעם מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין צוּ זֶען 'וָואס גֵייט גֶעשֶׁען אוֹיבּ אִיךְ גֵיי מַאכְן אַ פַּאקְס', אוּן 'וָואס גֵייט גֶעשֶׁען אוֹיבּ אִיךְ גֵיי אַרָאפְּשִׁיקְן אַ צֶעטְל', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג, אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן זָאגְן שְׁטְרֶענְג: **"דָא קֶען מֶען דָאס נִישְׁט טוּן! "נֶעם דַיין פֶּענְסִיל הֵייבּ אָן שְׁרַייבְּן", "נֶעם דַיין שֶׁערְל הֵייבּ אָן שְׁנַיידְן", "הֵייבּ אוֹיף דִי טִישׁוּ וָואס דוּ הָאסְט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן"**.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט?

אַ לֶערֶערִין הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁאֵלָה, **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין אִין דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת, אוּן אַ קִינְד הָאט גֶעוָוארְפְן אַ בָּאל אִינְמִיטְן כִּתָּה, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט: 'מֶען קֶען דָא נִישְׁט וַוארְפְן קַיין זַאכְן, גֵיי צוּ דִי אָפִיס', אוּן דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס', אִיךְ הָאבּ אִיר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט מֶער שְׁטְרֶענְג: 'גֵיי צוּ דִי אָפִיס', אוּן זִי הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, זִי הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעלַאכְט, וָואס טוּט מֶען?"**

בַּיי מְלַמְּדִים קֶען מֶען גֶעבְּן אַמָאל אַ פַּאטְשׁ פַאר חוּצְפָּה, אָבֶּער בַּיי לֶערֶערִינְס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ; מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַז אִין שׁוּלֶע אִיז דָא אַ רוּל (תַּקָּנָה) אַז מֶען קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן אַ קִינְד, אַסַאךְ מָאל וָואלְט מֶען מִיט אֵיין פֶּעטְשְׁל גֶעקֶענְט מַאכְן אַז דִי גַאנְצֶע יָאר זָאל פָארְן רוּאִיג, אָבֶּער מֶען קֶען דָאס נִישְׁט טוּן, מֶען רִירְט נִישְׁט אָן קַיין מֵיידְל; דֶעמָאלְט וָואס קֶען מֶען טַאקֶע טוּן וֶוען אַ לֶערֶערִין הֵייסְט אַ מֵיידְל זָאל אַרוֹיסְגֵיין אוּן זִי רוּפְט זִיךְ אָן: **"אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס"**?

קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען ווִיסְן, וֶוען אַ קִינְד הֵייבְּט אָן לַאכְן, מוּז נִישְׁט זַיין אַז זִי מֵיינְט יֶעצְט 'חוּצְפָּה', עֶס קֶען זַיין אַז זִי וָואלְט שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט צוּרִיקְצִיעֶן אוּן פָאלְגְן דִי לֶערֶערִין, נָאר עֶס פַּאסְט אִיר שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיקְצִיעֶן, אוּן זִי לַאכְט פוּן שְׁוַואכְקֵייט. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ 'אִיךְ בִּין דֶער מְלַמֵּד אוּן אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן מִיר פָאלְגְן!' 'אִיךְ בִּין דִי לֶערֶערִין אוּן אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן מִיר פָאלְגְן!' - גֵייעֶן דִי קִינְדֶער טַאקֶע פָאלְגְן!

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין וָואס קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה שְׁטַארְק וואוּסֶענְדִיג בַּיי זִיךְ אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן פָאלְגְן, וֶועלְן דִי קִינְדֶער פָאלְגְן.

אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט, **"אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן וָואס קֶען אַ מְלַמֵּד טוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה, עֶר זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: 'יֶעדֶער זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ', אוּן קֵיינֶער זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ?"** - אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד זָאגְט: **"יֶעדֶער זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ"**, אוּן קֵיינֶער זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, קֶען עֶר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, וַוייל וֶוען אַ מְלַמֵּד זָאגְט: **"יֶעדֶער זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ"**, - זֶעצְט זִיךְ יֶעדֶער אַרָאפּ! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וֶוען אַ לֶערֶערִין זָאגְט: **"דוּ הָאסְט גֶעוָוארְפְן אַ בָּאל, גֵיי צוּ דִי אָפִיס"**, - הֵייבְּט זִיךְ דָאס קִינְד אוֹיף אוּן גֵייט צוּ דִי אָפִיס!

## המשך שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

עֶס קֶען זַיין אַז דִי לֶערֶערִין וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן מִיט דֶעם קִינְד, אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעכַאפְּט וָואס זִי טוּט אַז דִי בָּאל אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן אִיר הַאנְט, מֶען וָואלְט אִיר גֶעקֶענְט זָאגְן רוּאִיג: **"גֶעבּ אַהֶער דֶעם בָּאל, אִיךְ וֶועל עֶס דָא לֵייגְן אִין דִי זַייט"**, אוּן בַּיי הַפְסָקָה קֶען מֶען אוֹיסְפְרֶעגְן דֶעם קִינְד אוּן הֶערְן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען מִיט דִי בָּאל, אָבֶּער אֵיין מָאל מֶען הֵייבְּט אָן - מוּז מֶען עֶנְדִיגְן; אוֹיבּ דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט "גֵיי צוּ דִי אָפִּיס", מוּז דָאס גֶעשֶׁען.

### עֶס מוּז זַיין 'טוֹיזְנְט פְּרָאצֶענְט' דִיסְצִיפְּלִין

אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין זֶעט אַז עֶר זָאגְט זַאכְן אוּן קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווּאוּסֶענְדִיג, דַארְף עֶר גֵיין צוּם מְנַהֵל אָדֶער מְנַהֶלֶת בֶּעטְן הִילְף אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ פָאלְגְן.

אֵיין מָאל עֶס אִיז דָא 'טוֹיזְנְט פְּרָאצֶענְט' דִיסְצִיפְּלִין, קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן מוֹהַרָא"שׁ, אוּן פוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, וְוִי צְנִיעוּת וְכוּ', אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶעס נָאר אוֹיבּ דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִייַעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס, וְוִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען הָאט מִיר אָנְגֶענוּמֶען דָאס יָאר אַלְס מְלַמֵּד אִין אַ נֵייעֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין כִּתָּה ז', בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז זֵייעֶר אַ פֵיינֶע קְלַאס מִיט קִינְדֶער פוּן חָשׁוּבֶ'ע הֵיימִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר אוּן עֶר רֶעסְפֶּעקְט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַפָּאר גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער וָואס מַאכְן מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי הֶערְן בִּכְלַל נִישְׁט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי, נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקֵייט נָאר זֵיי הֶערְן טַאקֶע נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פַארְחָלוֹמְ'ט אוּן זֵיי הֶערְן פָּשׁוּט נִישְׁט אַז מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי, בִּיז וֶוען מֶען זָאגְט אַפָּאר מָאל וֶועקְן זֵיי זִיךְ אוֹיף.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ קִינְד, גְרַאדֶע מִיט גַאנְץ אַ פֵיינֶעם קֶעפְּל, אָבֶּער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן פָארְלֶערְנֶען מַאכְט עֶר מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ עֶר שִׁיסְט יֶעצְט בָּאמְבֶּעס אוֹיף אֵיינֶעם אוּן עֶר מַאכְט דִי גֶערוּדֶער וְוִי בָּאמְבֶּעס פְלִיעֶן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אָנְפַאנְג אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט אִים, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶס פֶעלְט אִים מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אַ פֵיין קֶעפְּל אוּן בַּיים שְׁפִּילְן אִיז עֶר פוּן דִי בֶּעסְטֶע, אוֹיךְ דָאס לֶערְנֶען קֶען עֶר שְׁנֶעל אוֹיפְכַאפְּן, אָבֶּער אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען פְלִיט עֶר עֶרְגֶעץ אַוֶועק, וְאֵינֶנּוּ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיטְלֶען, אָבֶּער עֶס גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס קוּקְט אוֹיס וְוִי זֵייעֶר מֹחַ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא. דֶער מְנַהֵל זָאגְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער אוּן זֵיי וַואקְסְן עֶס אוֹיס שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ וְוִיל אַז יֶעדֶער קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס. פוּנְקְט אַזוֹי וְוִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים אִין הִימְל.

אַ מְלַמֵּד דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן אַזוֹי וְוִי דִי הַלָכָה אִיז (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סָעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט כְּדַאי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד; וַוייל אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אִיז מִיד, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, קֶען עֶר שְׁנֶעל וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם אוּן עֶר קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן וְכוּ', אָדֶער אַז אַ מְלַמֵּד עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג, קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, וֶועט דֶער גַאנְצֶער טָאג דִיר גֵיין גְרִינְגֶער.

אִיךְ וְוִיל דִיר מִיטְטֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען; אַ מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר זַיינְ'ס אַ חַבֵר אַז עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זַיין כִּתָּה, יֶעדֶע עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶוערְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ אִים, זֵיי נֶעמֶען אִים מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים בִּיז עֶר שְׁלָאגְט זֵיי, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וואוּ דִי קִינְדֶער וֵוייסְן וֶוען עֶס אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ; אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ אִיז אַלֶעס פֵיין אוּן וואוֹיל בִּיז עֶס קוּמְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט וֶוערְן זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ צֶעוִוילְדֶעוֶועט וְכוּ'"; דֶער חַבֵר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיטְ'ן מְלַמֵּד אַלֵיין, נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער; פְּרֶעגְט עֶר דֶעם מְלַמֵּד: "זָאג מִיר, וָואס אִיז דַיין סֵדֶר הַיּוֹם יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ?" זָאגְט דֶער מְלַמֵּד פַאר זַיין חַבֵר: "יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פִיר אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גָאר פְרִי אוּן אִיךְ זָאג אוֹיס תְּהִילִים, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַן הַנְהָגָה נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר צוּ פַאסְטְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וְכוּ'", זָאגְט אִים דֶער חַבֵר: "שׁוֹין, דַארְפְסְט נִישְׁט מֶער רֶעדְן, הָאסְט שׁוֹין אַלֶעס דֶערְצֵיילְט; נִישְׁט דִי קִינְדֶער זֶענֶען דִי פְּרָאבְּלֶעם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז זֵיי זֶענֶען וואוֹיל אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ פַאסְט יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער נֶערְוֶועז וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר צְוֵויי עֵצוֹת, אָדֶער הֶערְסְטוּ אוֹיף צוּ פַאסְטְן אַזוֹי וְוִי דִי הַלָכָה אִיז אַז אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן, אָדֶער אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַוֶועקגֵיין פוּן דַיין מִנְהָג, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד וָואס זָאל דִיר אִיבֶּער נֶעמֶען יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ".

אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אַ כְּלַל, אֶמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֵיין אוֹיף שְׂמְחוֹת פוּן מִשְׁפָּחָה וְכוּ', אָבֶּער אַזוֹי וְוִי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט דָאךְ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחוֹת כֵּן יִרְבּוּ, עֶס קוּמְט אוֹיס כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ שְׂמְחוֹת וְכוּ', דַארְף אַ מְלַמֵּד וִויסְן אַז עֶר טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט גוּט גֶעשְׁלָאפְן, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד בְּלוֹיז וַוייל מֶען אִיז מִיד.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ מְלַמֵּד. דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה דַאוֶונְט שַׁחֲרִית אוּן מִנְחָה צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אֵיין טָאג זֶע אִיךְ וְוִי אַ קִינְד זִיצְט אוּן קֵייט גָאם בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶונֶען, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ וְוִיל זֶען וָואס דֶער

המשך
# בְּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ
פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מְלַמֵּד גֵייט דָא טוּן מִיטְ'ן קִינְד וְכוּ'", אִיךְ זֶע ווִי דֶער קִינְד הַאלְט אִין אֵיין קֵייעֶן דִי גָאם בִּיז דֶער מְלַמֵּד הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּגֶערוּפְן דֶעם אִינְגְל, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס קוּמְט יֶעצְט, אַ פְּרַאסְק? אַ שְׁרֵיי?' אָבֶער אִיךְ זֶע ווִי דֶער מְלַמֵּד רוּפְט אִים צוּ זֵייעֶר נָאנְט צוּ זִיךְ, עֶר בֵּייגְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין אוֹיעֶר, אוּן זָאגְט אִים עֶפֶּעס. דֶער קִינְד גֵייט אַרוֹיס פוּן שׁוּל, עֶר קוּמְט צוּרִיק אַרַיין כְּאִילוּ לֹא הָיָה. רוּף אִיךְ צוּ דֶעם קִינְד, אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס הָאט דַיין רֶבִּי דִיר גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט?" זָאגְט דֶער קִינְד: "מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן מַיין גָאם אוּן אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען".

וֶוען דֶער מְלַמֵּד וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן יֶענֶע נַאכְט, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, נָאכְ'ן רוּפְן דֶעם קִינְד וָואלְט עֶר אִים דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרַאסְק, אָדֶער אַ צִיפּ, אָדֶער אַ שְׁרֵיי וְכוּ', אָבֶער ווִיבַּאלְד דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶערוּט אוּן רוּאִיג וְכוּ', הָאט עֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּם קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד גֵייט גְרֶעסֶער וֶוערְן אוּן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר גֵייט גֶעדֶענְקֶען ווִי שֵׁיין זַיין רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים, אַז זַיין רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶערֶעכְנְט מִיט זַיינֶע גֶעפִילְן, דֶער קִינְד גֵייט בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶערְפַאר, אַז דוּ גֵייסְט צוּ שְׂמָחוֹת, דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן מְלַמֵּד זָאל דִיר אִיבֶּער נֶעמֶען פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין פְרִי פוּן דִי שִׂמְחָה.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ קִינְד אִין דַיין כִּתָּה וָואס וֶוערְט זֵייעֶר פַארְטְרַאכְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, עֶר מַאכְט מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ עֶר שִׁיסְט מִיט אַ גָאן וְכוּ'; דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס אָדֶער שְׁפִּילְן גֶעיִמְס אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ'. עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד אַ קָאמְפְּיוּטֶער צוּ שְׁפִּילְן דֶערוֹיף גֶעיִמְס, נֶעמְט דָאס אַוֶועק דֶעם מֹחַ פוּנֶעם קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד זִיצְט אִין חֶדֶר גֵייט דֶער קִינְד צוּרִיק צוּ זַיין קָאמְפְּיוּטֶער, עֶר וֶוערְט אַזוֹי אַרַיין גֶעטוּן אִין דֶעם אַז עֶר פַארְגֶעסְט זִיךְ וואוּ עֶר זִיצְט, עֶר הֵייבְּט אָן מַאכְן מִיט דִי הֶענְט ווִי עֶר הַאלְט אַ בִּיקְס אוּן שִׁיסְט. דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס וואוּ מֶען שִׁיסְט וְכוּ', אָדֶער פוּן גֶעיִמְס וָואס מֶען שְׁפִּילְט אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער.

דֶערְפַאר, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן הָאבְּן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער א.ד.ג.; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, אָדֶער שְׁפִּילְן מִיט שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ', וָואס דָאס צִיט זֵיי נִישְׁט אַוֶועק זֵייעֶר מֹחַ.

דַיין שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וְכוּ'; קוֹדֶם אִיז מַשְׁמַע אַז דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן מִיט דֶעם קִינְד וַוייל עֶר שְׁטֶערְט דִיר וְכוּ', נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּסְטוּ אַז עֶס טוּט דִיר וֵויי וַוייל דוּ ווִילְסְט אַז דֶער קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין; דָאס אִיז צְוֵויי זַאכְן – וֶוען אַ קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר אִיז פַארְ'חָלוֹמְ'ט, דָאס אִיז אֵיין זַאךְ. נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אַנְדֶערֶע – עֶר שְׁטֶערְט דֶעם מְלַמֵּד, עֶר אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים, דָאס אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ.

אַ מְלַמֵּד, אַ מְחַנֵּךְ דַארְף ווִיסְן דֶעם כְּלַל, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, דֶעמָאלְט קֶען נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד וַוארְטְן ווִי לַאנְג דִי גַאנְצֶע כִּתָּה וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נָאר מֶען דַארְף קַנְסְ'נֶען דֶעם קִינְד וְכוּ'. אָבֶער וֶוען דֶער קִינְד שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי כִּתָּה, סַךְ הַכֹּל הַאלְט עֶר נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים, אָדֶער עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט וְכוּ' – דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, בַּיי דֶעם פַאל דַארְף דֶער מְלַמֵּד פְּרוּבִּירְן אִים צוּ מְשַׁחֵד זַיין וְכוּ' נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת. אוֹיבּ הָאט דֶער מְלַמֵּד שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעט עֶר אַז דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים וְכוּ', דַארְף דֶער מְלַמֵּד טוּן וָואס דִי הַלָּכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת מְלַמְּדִים, סִימָן רמה, סְעִיף ט): "אֲפִילוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְּקוּהוּ מִשָּׁם", אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען אִים נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן, "אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין", עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן יָא, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז וֶוען דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט, אָבֶער אַז אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי לֶערְנֶען וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ דִי קִינְדֶער וָואס מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאר זֵייעֶר מְלַמֵּד, זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער. קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זוּכְן זֵיי דַאן אוֹיף אַ נִישְׁט גוּטֶע וֶועג מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי, דֶארְפַאר זוּכְן זֵיי צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מְלַמֵּד פוּן פָארְלֶערְנֶען, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צַייט וָואס אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן לַאכְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען תְּשׂוּמַת לֵב. וֶוען מֶען נֶעמְט אַפִּיר דִי סָארְט קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פְּרִיוַואט, זֶעט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, זֵיי שְׁטֶערְן נִישְׁט לְהַכְעִיס, זֵיי טוּעֶן דָאס אוּמְוֶועלְנְדִיג נָאר כְּדֵי צוּ גֶעוואוּנֶען אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

אַ קְלוּגֶער מְלַמֵּד נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען חֶבְרָה לַייט אַז זֵיי זָאלְן אִים הֶעלְפְן, אַזוֹי שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין אַסַאךְ קָאפּ וֵויי. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען גֶעוואוּנְט זֵיי, דֶער מְלַמֵּד הָאט זֵיי אוֹיף זַיין זַייט, דֶעמָאלְט טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס אוּן זֵיי זוּכְן נָאר צוּ זַיין מִיט זֵייעֶר רֶבִּי אוֹיף אֵיין זַייט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אָן תְּפִילָה נוּצְט גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶער אָן תְּפִילָה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן תַּלְמִידִים הֲגוּנִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת לִמּוּד, סִימָן ע): "צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים", אַ מְלַמֵּד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים, וואוֹילֶע תַּלְמִידִים – וַוייל אָן תְּפִילָה גֵייט גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב', מכתב קטז)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876